# א גריס פון
# בית פיגא

יום טוב סוכות

י"ד תשרי תשפ"ב

יאר 2 גליון 1

## מעשיות פון תפילה

### בית פיגא וויליאמסבורג:

**ערשטע קלאס - אסתי רייך**

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן שיינע נייע שיך פאר סקול, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען נייע שיך!



**צווייטע קלאס - פייגא חנה מזרחי**

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מיין בעיבי שוועסטער זאל שוין פילן גוט, און ש'כח אייבערשטער אז זי פילט שוין גוט!



**דריטע קלאס - הדסה אריה**

מיין אויער האט זייער שטארק וויי געטון, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שנעל אויסהיילן אן דארפן נעמען מאטרין, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך שוין אויסגעהיילט!




### בית פיגא ליבערטי:



**ערשטע קלאס - פייגי וויינבערג**

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל שוין זיין סוכות, און ש'כח אייבערשטער אז עס גייט שוין זיין סוכות!

**פיפטע קלאס - חי צירל פורסט**

שבת ביינאכט איז אריינגעפלויגן א בין אין אונזער הויז, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל ארויספליען, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט ארויסגעפלויגן!



**עלסטע קלאס - פייגי טייטעלבוים**

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין גרייט פאר סקול אין צייט, און ש'כח אייבערשטער איך בין געווען גרייט אין צייט!

## נייעס אין בית פיגא:

ש'כח אייבערשטער אז מען האט שוין צוריק אנגעהויבן סקול! אלע מיידלעך זענען געווען אזוי פריילך צוריקצוקומען אין בית פיגא סקול! אין בית פיגא לייגט מען אריין אין די מיידלעך א געפיל צו צניעות, און מען לערנט זיי אויס צו זאגן תהלים און בעטן די אייבערשטער אלעס וואס מען דארף. מען לערנט אויס פאר די מיידלעך כיבוד אב ואם, העלפן א צווייטן מיט א שמייכל, און זיין אייביג פריילך!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך
יום ד' לסדר כי תבוא לאומאן, י"ח אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן פון דיר אז דו העלפסט אין שטוב דיינע עלטערן, אין דעם זכות וועסטו האבן שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פאה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם"; דער אייבערשטער באצאלט פאר כיבוד אב ואם שכר סיי אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אויף דיין פראגע, אז דו האסט געהערט וואס מען זאגט פאר די בחורים אז ווער עס לערנט משניות וועט ניצול ווערן פון חיבוט הקבר, איז דיין פראגע וואס קען א מיידל טון אז די ווערים און מייז זאלן נישט קומען צי איר אין קבר; ביי א מיידל איז נישטא קיין משניות, ביי מיידל איז דא צניעות; אויב מען געבט אכטונג זיך צו פירן בצניעות, מען טוט זיך אן אידל, מען רעדט איידל און מען פירט זיך איידל - דאס היט אפ פון אלע שלעכטס אין קבר.

ווידעראום אויב חס ושלום מען טוט זיך אן אויף א וועג צו צוען אויגן פון פרעמדע מענער און בחורים באקומט מען אין קבר א גרויסער עונש, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט דערציילט (מעשיות בסוף סיפורי מעשיות): עס איז געווען א צדיק וואס האט זיך אינגאנצן אויסגעארבעט און ער איז ארויף אויבן אין הימל און געזען ווי עס שטייט א טאפ מיט שטיקער פלייש אוןביינער, האט ער געפרעגט: "וואס איז דאס?" האט מען אים געענטפערט: "דאס איז פון א מיידל וואס פלעגט גיין אנגעטון נישט צניעות'דיג, זי פלעגט אנרייצן בחורים און אינגעלייט צו קוקן אויף איר, דאס איז איר שטראף, אז זי ווערט יעדן טאג אויפגעקאכט אין בריעדיגע וואסער".

זאלסט זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן און יעדע זאך וואס דו דארפסט זאלסטו אים בעטן. דער הייליגער רבי פלעגט זייער אויסלויבן די אידישע פרויען וואס האבן אין זיך תמימות ופשיטות און זיי רעדן צום אייבערשטן אויף זייער מאמע לשון, און וואס זיי דארפן בעטן זיי נאר פונעם אייבערשטן.

צום אייבערשטן קען מען רעדן שטענדיג, אפילו ווען מען טאר נישט אויסרעדן וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

יואל רוטה

# ״די טייערע אתרוג״

אסאך יארן צוריק, האט געלעבט א גרויסע צדיק ער האט געהייסן ר׳ מעכל׳ע זלאטשיבער. ער איז געווען א גרויסע, הייליגע צדיק. ער איז געווען זייער ארעם, ער האט נישט געהאט קיין געלט, אבער איין זייער טייערע זאך האט ער יא געהאט, ער האט געהאט די הייליגע טייערע תפילין פון זיין זיידע, דער בעל שם טוב.

ר מעכל׳ע איז געווען אזוי ארעם, אז ער האט אפילו נישט געהאט קיין געלט צו קויפן ברויט. זיין ווייב אין קינדער זענען אלס געווען הונגעריג. זיין ווייב פלעגט אים מוטשענען, ״קוק אהער, אונז האבן נישט וואס צו עסן, און טרינקען, די מצווה פון תפילין קען מען יוצא זיין מיט א ביליגערע פאר, פארקויף די תפילין, און אזוי וועלן מיר קענען קויפן מיט דעם געלט עסן.״

אזוי פלעגט זי אים בעטן אסאך מאל, אבער ר׳ מעכל׳ע האט קיינמאל נישט מסכים געווען, די תפילין איז געווען צו א טייערע זאך צו פארקויפן.

ביז עס איז שוין געקומען נענטער און נענטער צו די הייליגע יום טוב סוכות, און דער הייליגע צדיק האט זייער געגליסט צו האבן א שיינע, מהודר׳דיגע אתרוג אן קיין איין פלעק. ער האט געהאלטן אין איין טראכטן וויאזוי ער וועט האבן די געלט צו קויפן די אתרוג. די איינציגסטע זאך וואס ער האט געקענט טראכטן פון איז געווען, אז ער וועט פארקויפן די טייערע פאר תפילין און מיט די געלט קויפן אן אתרוג. ביז ער האט מחליט געווען טאקע אזוי צו טון און ער האט פארקויפט די טייערע פאר תפילין און ער האט געקויפט די שענסטע, און טייערסטע אתרוג וואס עס איז נאר דא.

ווען ער איז אהיימגעקומען, און זיין ווייב האט געזעהן אז ער האט פארקויפט די טייערע פאר תפילין, האט זי זיך זייער אויפגערעגט, ״האסט פארקויפט די תפילין און געקויפט מיט די געלט אן אתרוג, ווען איך האב דיך שוין אזויפיל מאל געבעטן עס צו פארקויפן צו האבן עסן?!״ זי האט געגעבן א כאפ די טייערע אתרוג, אראפגעביסן די פוטים, און עס אראפגעווארפן אויפן ערד!

דער הייליגע צדיק ר׳ מעכל׳ע איז געבליבן שטיל און געטראכט צו זיך, ׳תפילין האב איך שוין נישט, אן אתרוג האב איך שוין נישט, שמחת המצוה זאל איך אויך נישט האבן? און דער הייליגע צדיק ר׳ מעכל׳ע זלאטשובער איז געבליבן זייער פרייליך, און זיך געפרייט מיט וואס ער האט יא!

**טייערע מיידלעך, לאמיר נאך מאכן די צדיק, און בלייבן פרייליך, אפילו אויב עפעס גייט נישט אזוי ווי מען וויל, אדער איינער רעגט דיך אויף. בלייב פרייליך, אזוי וועסטו ווערן א גרויסע צדיקת!**



# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

עס איז א נחת דיך צו זעהן נאכאמאל מיט א פרישקייט, מיט דיין שמייכל און פאזיטיווע באנעמונג! פרוביר צו געבן קאמפלימענטס פאר מיידלעך, ווייל דו האסט די גוטע טאלאנט פון מאכן מענטשן פילן גוט!

איך וויל דיך דערמאנען צו פרובירן צו אריינגעמען מיידלעך וואס זיצן אין די זייט, מאך אז זיי זאלן ווערן די צענטער פון א זאפטיגע שמועס און ברענג זיי אריין אין די קלאס (איך זעה ווי דו טוסט עס, האלט ווייטער אן!)

וואס דו דארפסט בעט דער אייבערשטער דיינע תפילות זענען זייער חשוב!

מיט ליבשאפט!

מיט ליבשאפט,

## זמנים:

| ברוקלין | ליבערטי |
|---|---|
| **יום כיפור** | **יום כיפור** |
| הדלקת הנרות: 6:46 | הדלקת הנרות: 6:49 |
| זמן מוצאי יו"ט: 8:14 | זמן מוצאי יו"ט: 8:18 |
| **סוכות** | **סוכות** |
| הדלקת הנרות: 6:37 | הדלקת הנרות: 6:46 |
| זמן מוצאי יו"ט: 8:04 | זמן מוצאי יו"ט: 8:07 |



# RECIPE

## YUMMY ICE CREAM

2 10 oz. whipped topping

¾ cup sugar

2 tsp vanilla extract

5 eggs



Crunch:

2 cups corn flakes (crushed)

½ cup peanut butter

7 oz. baking chocolate

BEAT WHIP TOPPING UNTIL STIFF. WHEN STIFF ADD SUGAR AND EXTRACT. THEN SLOWLY ADD EGGS AND FREEZE.

CRUNCH: MELT CHOCOLATE THAN ADD PEANUT BUTTER AND CORNFLAKES AND MIX. LET DRY. CUT INTO SMALL PIECES AND MIX INTO ICE CREAM.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!